בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת פינחס תשע"ז | גליון 369 [שנה ח']

**פינחס און יצחק זענען גלייך**

פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: (כה י׳) שטייט פינחס מיט א יו"ד וואס דאס איז גימ' יצחק 208, וואס איז די שייכות פון פינחס צו יצחק? נאר מיר זעהען אז אין דריי זאכן זענען גלייך פינחס צו יצחק, 1] פינחס האט זיך דא מוסר נפש געווען, ווייל מען וואלט אים געקענט הרגענען, און יצחק האט אויך געהאט מסירות נפש ביי די עקדה, 2] שטייט אז אין זכות פון יצחק וועט זיין די גאולה אזוי ווי די גמ' ברענגט (שבת דף פט:) אמר לו –הקב"ה– ליצחק בניך חטאו לי–דיינע קינדער האבן געזינדיגט– אמר לפניו רבש"ע בני ולא בניך וכו' –עס איז מיינע קינדער און נישט דיינע?– אם אתה סובל –פארגעבסט– את כולם, מוטב, –איז גוט– ואם לאו פלגא עלי ופלגא עליך וכו', –איך נעם האלב אויף מיר און האלב נעם אויף דיר– , מִיַּד נָשְׂאוּ עיניהם למרום ואומרים: אַתָּה ה' אָבִינוּ גֹּאֲלֵנוּ מֵעוֹלָם שְׁמֶךָ: (ישעיה סג טז) אזוי אויך וועט פינחס –וואס ער איז אליהו– מבשר זיין אז די גאולה איז דא הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא (מלאכי ג כג). 3] יצחק איז ארויס זיין נשמה ביי די עקדה און איז צוריק אריין ביי אים א נייע נשמה, און ביי פינחס שטייט אין זוהר הק' אז עס איז ארויס זיין נשמה, און איז אריין ביי אים די נשמות פון נדב און אביהו. (תפוחי חיים – פאנעט קארלסבורג)

**בא הכתוב ויחסו אחר אהרן**

פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: (כה י׳) רש"י פארענטפערט פארוואס דארף מען זאגן אויך אז פינחס איז פון אהרן הכהן? לפי שהיו השבטים מבזים אותו, –ווייל מען האט אים מבזה געווען אז ער קומט פון יתרו דריבער האט ער געהרגעט זימרי– לפיכך בא הכתוב ויחסו אחר אהרן: עס איז מיר געווען שווער, מיט וואס איז פארענטפערט אז ער קומט פון אהרן, אבער ער קומט דאך אויך פון יתרו און אפשר שטאמט זיינע מעשים פון קנאות ווייל ער איז א אייניקל פון יתרו? אויך איז שווער אז רש"י זאגט בדין הוא שיטול שכרו: און דאס איז כהונה גדולה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יג) וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם, פרעגט דער תפוחי חיים וואס האט פינחס דא געטאן אז עס זאל אים קומען די כהונה גדולה? נאר עס שטייט ביי אהרן הכהן אז ער האט גענומען די קטורת (במדבר יז יב–יד) וַיִּקַּח אַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה וַיָּרָץ אֶל תּוֹךְ הַקָּהָל וְהִנֵּה הֵחֵל הַנֶּגֶף בָּעָם וַיִּתֵּן אֶת הַקְּטֹרֶת וַיְכַפֵּר עַל הָעָם. וַיַּעֲמֹד בֵּין הַמֵּתִים וּבֵין הַחַיִּים וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה. וַיִּהְיוּ הַמֵּתִים בַּמַּגֵּפָה אַרְבָּעָה עָשָׂר אֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת, האט אהרן דורך די קטורת אפגעהאלטן די מגיפה, קומט אויס אז פינחס האט אפגעהאלטן די מגיפה אָן קטורת נאר מיט זיין מסירת נפש אזוי ווי אהרן האט אויך געהאט מסירות נפש, דעריבער קומט אים די כהונה גדולה. דאס איז בדין שיטול שכרו כהונה גדולה, ווייל ער האט געטאן וואס דער כהן גדול האט געטאן, און אויך איז גוט די יחוס צו אהרן, דאס איז געווען די זעלבע מסירות נפש ביי קנאות און דאס איז נישט געקומען פון יתרו, און זמרי האט דאס אויך נישט געהאט. (תפוחי חיים – פאנעט קארלסבורג)

**בדין הוא שיטול שכרו**

הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת־בְּרִיתִי שָׁלוֹם: (כ"ה י"א) שטייט אין מדרש רבה (כ"א א) בדין הוא שיטול שכרו, פרעגן אלע די קשיא עס איז דא די כלל פון שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין ל"ט), איז ווי האט פינחס געקענט באקומען שכר? נאר די מדרש במדבר (כ"א ג) ברענגט, הנני נותן לו בריתי שלום, ווייל עדיין הוא קיים! דאס איז א פליאה. נאר פארוואס איז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא? ווייל שכר צאהלט מען נאר ווען מען ענדיגט (ערכין י"ח) און דאס מיינט ווען א מענטש גייט פון די וועלט. אבער פינחס איז נאך קיים, ווייל פינחס זה אליהו, איז ביי אים נישטא דער סוף דעריבער באקומט ער שכר אויף די וועלט. (משנת אליעזר– טרלינגר – תס"ז)

לויט דעם פריערדיגן תורה פון תפוחי חיים קען מען זאגן אין א אנדער אופן, ווייל ביי פינחס איז ארויס זיין נשמה און האט באקומען א נייע נשמה איז דאס ביי אים א בחינה פון מיתה און תחיה, און לגבי שכר קען דאס הייסן אז פינחס האט געענדיגט זיין פעולה, און יעצט איז ער א נייער בריאה, דעריבער בדין הוא שיטול שכרו. (שמחה זבולון)

**וואס מיינט את בריתי שלום**

לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת־בְּרִיתִי שָׁלוֹם: (כה יג) פינחס האט געדינט דעם אויבערשטן מיטן אמת און ער איז א עובד ה', איז דער ענין פון שלום, אז אלעס וואס עס וועט זיין וועט ער זען אז עס איז גוט, על דרך וואס דער הייליגער מגיד ממעזריטש טייטשט אויפן פסוק, וְדֹרְשֵׁי ה' לֹא־יַחְסְרוּ כָל־טוֹב: (תהלים לד יא) וְדֹרְשֵׁי ה': א איד וואס זוכט דעם אויבערשטן דהיינו א עובד ה', לֹא־יַחְסְרוּ, אים פעלט גארנישט, ווייל, כָל־טוֹב, אלעס זעט ער אז עס איז גוט. עס איז באקאנט די מעשה וואס דער הייליגער תולדות יעקב יוסף ווען ער איז געפארן צום הייליגן בעש"ט האט געזען א איד גייענדיג אין א ווינטערדיגן פראסט אן א מאנטל און אויך בארוויס און דער תולדות בעט אים בתחנונים צו נעמען א מאנטל און שיך און ער ענטפערט אים כסדר "אז עס איז אזוי איז גוט אזוי" און ער בעט אים קום ארויף אויפן וואגן און ענטפערט דאס זעלבע "אז עס איז אזוי איז גוט אזוי", און פון דעם האט ער באקומען די השגה פון הימל, און ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגער בעש"ט האט ער אים מקבל פנים געווען מיט די ווערטער "אז עס איז אזוי איז גוט אזוי און אליהו הנביא האט דאס דיר געזאגט". (שמחה זבולון)

**חילוק פון שעיר יו"כ און שעיר פסח**

שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד חַטָּאת: (כט יא) פרעגט די בעל הטורים פארוואס שטייט נישט ביי די שְׂעִיר פון יום הכיפורים לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם, און ביי די שְׂעִיר פון פסח שטייט (כט כב) וּשְׂעִיר חַטָּאת אֶחָד לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם? און ער ענטפערט אז יום כיפור איז די טאג אליין מכפר דעריבער שטייט נישט לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם, משא"כ ביי די שעיר פון פסח איז די שעיר מכפר און נישט די טאג, אבער איז שווער אז מיר טרעפן ביי די פר ושעיר פון עבודת היום אין יום כיפור שטייט אין פרשת אחרי כסדר אז די עבודות פון פר ושעיר איז לכפר? און בכלל איז שווער אז די שעיר פון מוסף יו"כ איז דאך מכפר אויף טומאת מקדש וקדשיו ווער עס האט געגעסן קדשים בטומאה? ענטפערט **הגאון ר' רפאל המבורג אב"ד באה"ו זצוק"ל** אז די גמ' (פסחים דף נט:) שרייבט אויפן פסוק וְאָכְלוּ אֹתָם אֲשֶׁר כֻּפַּר בָּהֶם, (שמות כט לג) מלמד שהכהנים אוכלים ובעלים מתכפרין, איז משמע אויב די כהנים עסן נישט פון דעם קרבן איז נאך נישטא א כפרה פאר די בעלים, און דאס איז נאר ביי א חטאת הנאכלות –וואס מען דארף עסן–, איז כל זמן די כהנים עסן נישט פון קרבן איז נישטא א כפרה, דעריבער די שְׂעִיר של יו"כ וואס איז א חטאת הנאכלות און אין יו"כ מעגן די כהנים נישט עסן פון קרבן ביז באנאכט דעריבער שטייט נישט לכפר, משא"כ די שְׂעִיר פון פסח האבן די כהנים יא געגעסן פון דעם חטאת, שטייט יא לכפר, אבער ביי די פַּר ושעיר פון עבודת היום אין יו"כ וואס זיי זענען די חטאות הנשרפות –מען פארברענט דאס און די כהנים עסן נישט פון דעם– ממילא ווערט שוין גלייך די כפרה ביים מקריב זיין און נישט פון די עסן, דעריבער שטייט דארטן כסדר לכפר אין יו"כ אליין. (לקוטי בשמים – יחיאל ברמאן תרס"ד)

# מדור העובדות

## געגעסן פון די קוגל פון ר' ישעי' מקערעסטיר און א גאנצע שטוב קערט זיך צוריק צו אידישקייט

עס האט געוואוינט אין קערעסטיר א איד א בעל עגלה וואס איז בכלל נישט געווען פון די חסידים פון ר' ישעי' מקערעסטיר און ער האט געשיקט זיין זון אין תלמוד תורה פון שטאט ביז די בר מצוה און דערנאך אים ארוים גענומען און גענוצט פאר אים א ארבעט, דער יונגער בחור איז געווען זייער טיכטיג און געפונען א גוטע ארבעט און שיין פארדינט, ער האט זיך אויפגעפירט אידיש אזוי ווי ער האט געלערנט אין די תלמוד תורה אבער ווען ער איז געווארן אכצן יאר האט ער מחליט געווען אז יעצט גייט ער זיך אריבער ציען קיין בודאפעסט וואס איז א גרויסע שטאט און וועט קענען פארדינען אסאך געלט און קענען חתונה האבן מיט א אידישע טאכטער און בויען א שטוב.

אבער אין בודאפעסט איז געווען צופיל אפגעפארענע אידן, און דער בחור האט זיך מיט געלעבט מיט זיי און מיט די צייט האט ער אלעם אפגעלאזט פון אידישקייט. א פאר יאר שפעטער האט ער חתונה געהאט מיט א אידישע מיידל אין זיין גלייכן און האבן אויפגעשטעלט א שטוב נישט על פי תורה. נישט קיין שבת און אויך נישט קיין כשרות און די קינדער זיינע האבן שוין גארנישט געוואוסט פון אידישקייט, ער האט געהאט צוויי זין וואס זענען שוין געווען נאך די בר מצוה און עס איז געווען וואקאצי' האט דער טאטע זיי געשיקט צום זיידן אין קערעסטיר דארטן ארומפארן זען די דארף וואו ער איז אויפגעצויגן.

די צוויי ברידער האבן געהערט פון זייער זיידע אז ר' ישעי' איז א וואונדער ראבינער און העלפט אסאך מענטשן אידן און נישט אידן, און פון זיינע סעודות, איז אויפן וועג אהיים זענען אהין געגאנגען אין מיטן מלוה מלכה און ווען ר' ישעי' דערזעט די צוויי בחורים רופט ער זיי ביידע צו אים און גיט זיי שלום עליכם און פרעגט פון וואו זיי זענען און וואס זיי טוהען אין קערעסטיר און ר' ישעי' דערלאנגט זיי א טעלער ווארעמע קוגל און איינער פון די ברידער איז מסכים צו עסן און דער אנדערע וויל בשום פנים נישט עסן, און זיי ביידע גייען אהיים פון קערעסטיר קיין בודעפעסט.

דערווייל דער בחור וואס האט געגעסן די קוגל פון ר' ישעי' איז אויף געשטאנען אינדערפרי זונטאג און די מאמע וויל אים געבן עפעס צו עסן און ער וויל נישט עסן נאר פירות און וואסער, האט זי געמיינט אז דער בחור איז אוים געמוטשעט פון וועג דעריבער האט ער נישט קיין אפעטיט, אבער אזוי איז אנגעגאנגען א פאר טעג און די עלטערן זענען געווארן פארזארגט און אים גענומען צום דאקטער וואס פראבירט צו טרעפן די סיבה פארוואס ער עסט נישט אבער ער זעט פאר אים א געזונטער קינד. די עלטערן האבן אים גענומען צו דעם גרעסטער דאקטער אין בודאפעסט וואס האט אים אויך אונטער געזוכט אויף אלע זייטן און זאגט די עלטערן דאס זעלבע ווי די אנדער דאקטער אז דער בחור איז פולקאם געזונט!

די עלטערן ווייסן נישט וואס צו טאן ווייל זייער זון ווערט גאר דאר און ציטערן פאר זיין געזונט, ביז איין טאג רופט זיך אן דער אנדערע ברודער אז מן הסתם איז דאס די עסן וואס ר' ישעי' האט אים געגעבן יענעם מוצאי שבת ווען זיי זענען געווען אין קערעסטיר און דער רבי האט זיי געגעבן צו עסן קוגל און דער ראיה איז אז דער ברודער וואס האט געגעסן די קוגל האט נישט קיין אפעטיט און ער וואס האט נישט געגעסן איז אלעם נארמאל. און מן הסתם האט דער רבי עפעס געטאן מיטן עסן!

די עלטערן האבן דאס געהערט און זייער טאטע איז געווארן פול מיט כעס און האט געזאגט ער וועט גיין קיין קערעסטיר און לערנען לקח פאר ר' ישעי' וואס האט פארדארבן זיין קינד'ס אפעטיט, אומר ועושה און דער טאטע נעמט זיין בחור און פארט קיין קערעסטיר אוןווארטן אריינצוגיין צום רבין און ווען זיי קומען אריין צום רבין נאך איידער וואס און ווען הויבט אן דער טאטע צו רעדן דברי חוצפה צו ר' ישעי' היתכן האסט געגעבן צו עסן מיין זון קוגל און פון דעמאלטס אן האט ער פארלוירן דעם אפעטיט! אויב דער רבי וועט אים נישט אויסהיילן וועל איך זען וואס צו טאן!

ר' ישעי' זיצט רוהיג און ווארט ביז דער טאטע ווערט שטיל, און דער רבי רופט אריין דער גבאי און זאגט אים גיי אין קאך און ברענג אריין א גוטע וועטשערע פאר די חשובע געסט און מיר וועלן זען צו דער בחור האט נישט קיין אפעטיט! דער טאטע זאגט ער וועט נישט עסן אבער אים איז אינטרעסאנט זען צו דער בחור וועט יא עסן. עס געדויערט נישט לאנג און דער גבאי ברענגט אריין א וועטשערע וואס שמעקט זייער גוט און דער רבי לייגט אוועק דעם עסן פארן בחור וואס איז געווען זייער הונגעריג און דער טאטע שטייט און קוקט מיט וואונדער ווי דער בחור עסט און עסט מיט אזא אפעטיט און ענדיגט אלעם אין טעלער.

דער רבי קוקט אויפן טאטע און זאגט "פארוואס זאגסטו אז ער קען נישט עסן? טריפות קען ער נישט עסן"! דער טאטע ווערט צומישט און זיינע יונגערע יארן ווערן דערוועקט אין אים און פרעגט דער רבי וואס איז דער עצה פאר מיין זון? האט ר' ישעי' געענטפערט גיי אהיים און מאך דיר א כשר'ן קאך מיט נאר כשר'ע עסן און וועסט זען אז דיין בחור וועט עסן נארמאל! דער טאטע האט געזען אז דער רבי האט רעכט און האט צו געזאגט ער וועט פאלגן דעם רבין.

צוריק אין בודאפעסט האט ער איבערגעגעבן פאר זיין ווייב וואס איז געווען ביי ר' ישעי', און די איינציגסטע עצה פאר זייער קינד איז צו האבן א כשר'ע קאך און זי האט געמוזט שטימען מיט איר מאן און ער האט געבעטן זיינעם א נאנטן וואס איז געווען א תלמיד חכם אז ער זאל אים העלפן מאכן א כשר'ן קאך, און יענער האט געהאלפן און דער קאך איז געווארן כשר, זיי זענען געגאנגען איינקויפן נאר כשר'ע עסן און די וואונדער פון די מאמע איז געווען גרוים ווען זי האט געזען ווי איר זון עסט נארמאל מיט די בעסטע אפעטיט,

די כשר'ע עסן האט זובסלאך אריינגעגעבן הייליגקייט ביי די שטוב און די עלטערן זענען געווארן בעלי תשובה און דערנאך זייערע קינדער אויך. דער זיידע האט זיך זייער געפריידט אז זיין זון איז צוריקגעקומען צום ריכטיגן וועג און דער טאטע איז צוריקגעגאנגען צו ר' ישעי' און דערציילט די גוטע נייעס און איבערגעבעטן דעם רבין פארן חוצפה'דיגן רייד און ר' ישעי' האט אים מחזק געווען און געגעבן אדרך תשובה און זיי זענען געווארן אפטע נוסעים צו ר' ישעי' זיע"א. (מופת הדור)


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאךבידע פאר $8500, סעט מליצי אש $300, סעט סופרים וספרים של הר' שלמה זיין $200 ספר מנחת אשר שלמה בן מרן הדברי יואל $1500, ספר יעיר אזנו להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500,* ***סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליותבן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000 ספר וואס האט באלאנגט צום שרף מטאש און זיין איידעם די בני שלשים $6000*** *א תהלים וואס רבינו יואל און זיין רביצין האבן געגעבן פאר א מידל צו מתפלל זיין פארן רב'ן געזונט, $1000, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן $1000, שושן סודות קארעץ שייך להאדמו"ר ר' משה שמואל ר"ב בן הגה"ק ר' יהוסף ר"ב מקאסאן, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רב'ים זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה הײמאן זצ"ל $600, עת לעשות דפוס ראשון, ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 א מטבע לכבוד די חתם סופר $500, און $300 א מטבע לכבוד דער ליובאוויטשער רבי $100 א בול-סטעמפ- לכבוד חתם סופר $50 קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט,

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

אדער אויף לדעת- מיר ווינטשן אלע א געזונטע זומער **--Please call us or email or fax and we will try to have the Gilyon delivered to your bungalow colony or camp.**